בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ עֶס נִישְׁט קֵיין טְרֵפוֹת

דִי בַּאן פָארְט שׁוֹין אַזוֹי אַפָּאר טֶעג, נִישְׁטָא קֵיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, נִישְׁטָא קֵיין וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען, נִישְׁטָא אֲפִילוּ אַ בֵּית הַכִּסֵא, אִין יֶעדֶע וָואגְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְן אַפָּאר מֶענְטשְׁן, עֶנְדְלִיךְ דִי בַּאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע פְלַאץ וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען אִין דִי וֶועלְט, קַיין אוֹשְׁוִויץ...

דָארְט אִין אוֹשְׁוִיץ הָאט מֶען פַארְבְּרֶענְט אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן, דִי קִינְדֶער אוּן דִי עֶלְטֶערֶע אוּן דִי שְׁוַואכֶע הָאט מֶען גֶע'הַרְגְ'עֶט אוּן פַארְבְּרֶענְט, אוּן דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט כֹּחַ הָאט מֶען גֶענוּמֶען אִין דִי אַרְבֶּעטְס לַאגֶער זֵיי זָאלְן אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מִלְחָמָה, פַאר דִי נַאצִיס, אוּן אֵיין מָאל אַ טָאג הָאט מֶען גֶעטֵיילְט עֶסְן.

אוֹיךְ רַבָּנִים צַדִיקִים הָאט מֶען אַהִין גֶעטְרָאגְן, צְוִוישְׁן דִי גֶעפַּיינִיגְטֶע אִידְן אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי יְקוּתִיאֵל יְהוּדָה הַאלְבֶּערְשְׁטַאם, דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, אוּן וֶוען מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַז מֶען טֵיילְט עֶסְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן פוּן לַיידְן אַזוֹיפִיל טֶעג הוּנְגֶער, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען וַוייטֶער אוֹיסְגֶערוּפְן אַז מֶען טֵיילְט עֶסְן, אַלֶע זֶענֶען גֶעלָאפְן כַאפְּן עֶסְן, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, אוּן פְּלוּצְלוּנְג

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זַייעֶר צוּ וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,
עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטן אוּן גֶעזָאגְט:
״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַלֶעס הָאט מֶען מִיר צוּגֶענוּמֶען, מַיינֶע קְלֵיידֶער, מַיינֶע שִׁיךְ, אִיךְ לִיג דָא בַּיי דִי גוֹיִם אָן גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶסְן קַיין טְרֵפוֹת, אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת״; עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבֶּעטְן עֶס זָאל פַּאסִירְן אַ נֵס ...
קִינְדֶער וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוער וֵוייסְט? אַ נֵס הָאט פַּאסִירְט; אֵיינֶער קוּמְט צוּ לוֹיפְן אוּן פְרֶעגְט: ״אִיר זֶענְט קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב?״ עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן אַז עֶר אִיז אַ רָב, וַוייל דִי דַייטְשֶׁע הָאבְן עֶרְשְׁט גֶע׳הַרְגְ׳עֶט דִי רַבָּנִים, בִּיז יֶענֶער הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ בְּרוֹיט מִיט מַארְמֶעלַאדֶע אוּן עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס דָאס גְרוֹיסֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אֲפִילוּ וֶוען דֵיי הָאבְן שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן אַפָּאר טֶעג אוּן זֵיי וֵוייסְן אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט הָאבְן גָארְנִישְׁט קֵיין עֶסְן וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט עֶסְן קֵיין טְרֵפוֹת, זֵיי וֶועלְן נָאר עֶסְן כָּשֶׁרְ׳ס, פוּן דֶעם לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַז מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ עֶסְן נָאר מִיט אַ הֶכְשֵׁר.



צְוֵוייטְנְס לֶערְנֶען מִיר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָה, אַז וָואס מֶען דַארְף קֶען מֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן אַז מֶען בֶּעט - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**נלקח מתוך הספר ״עצתו אמונה״**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א״י: 07970-400-66
ארה״ב: 212-444-9191, 1-5-2-1